בס"ד

# הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת

כְּדָת מְחַלְּלוֹ שְׂכָרוֹ הַרְבֵּה מְאֹד

ZMAN TECH NOLOGIES

## עפענען אום שבת דעם

# פרידזשידער

## ס'גארנישט אזוי פשוט!

## מעג מען זיך באניצן מיט אן אויוועו שבת?

**בְּיָמִים הָהֵם**

וויאזוי האבן פרידשידערס און אויוונס געארבעט אמאליגע צייטן?

**בִּזְמַן הַזֶּה**

פארשטייין וויאזוי פרידשידערס און אויוונס ארבייט היינט

**אַלְבָּא דְהִלְכְתָא**

דבר שאינו מתכוון... פסיק רישא... גרמא... וואס טוט זיך דא?

**לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ**

א פייער גארד? אין מיין פרידזשידער ביי מיר אינדערהיים?

**מְחַדֵּשׁ חֲדָשִׁים**

א דורכברוך! דער אפליינס ריז זעצט זיך צום שבת טיש.

# בְּתַעֲנוּג אָכוֹל וְשָׁתוֹ



**ערב שבת** און יו"ט איז יעדע אידיש שטוב פארנומען מיט קאכן, באקן, איינקויפן, און צוגרייטן אלעס אויף די ריכטיגע פלאץ, אז עס זאל זיין גרייט ווען מען דארף עס האבן, דאס וואס דארף זיין קאלט ליגט אין פרידזשידער, און דאס וואס דארף זיין ווארעם ליגט אין אויוון, אויפן בלעך, אדער אויפן האטפלעיט, אלעס גרייט לכבוד שבת קודש.

שבת קודש קומט צו גיין, און ס'הייבט זיך אן, יענק'עלע נעם ארויס די גרעיפ דזשוס פון פרידזשידער... מענדי נעם ארויס די פיש... חיים'ל לייג צוריק די חריין... יוס'לע ברענג אריין די קאמפאט... שמילי ברענג די אייס קרים... אריין און ארויס פון פרידזשידער און פריזער צענדליגע מאל א שבת און יו"ט.

## זכרו תורת משה במצות שבת

איז אבער פאר איינעם בייגעפאלן אז **דער תענוג אכול ושתו** קען זיין א דירעקטע סתירה צום **השומר שבת כהלכתו**? און נאך מער, אז אומצאליגע מאל יעדן שבת ויו"ט ווען מען נעמט ארויס פון פרידזשידער אדער פון אויוון א מאכל אדער משקה אדער ווען מען לייגט עס צוריק קען מען זיך אנשטויסן אין ערנסטע שאלות פון חילול שבת?

עס איז שווער צו גלייבן, אבער אויב איז מען נישט באהאוונט וויאזוי די היינטיגע אפלייענסעס ארבייטן, סיי די פרידזשידערס און סיי די אויוועגעס, איז כמעט נישט במציאות אז עס זאל אדורך גיין א שבת, און מען זאל נישט אומוויסענדיגערהייט אריינפאלן אין ערנסטע חששות פון חילול שבת. עס הערט זיך שווידערליך, אבער עס איז פארט א פאקט.

רבנים פון די לעצטע פופציג יאר האבן שוין אדורך געטון די נושא, אבער עס ווערט נאר כסדר מער און מער קאמפליצירט, צוליב דעם וואס די אפלייענסעס ווערן מער און מער פארגעשריטן און סאפיסטיקירט מיט קאמפיוטערס טשיפס וואס קאנטראלירן יעדן הינזיכט פונעם אפלייענס.



## עזור לשובתים בשביעי

ב"ה אז עס איז געלונגען איניאיינעם מיט די ריזיגע אפלייענס פירמע GE צו ערצייגן א סאפיסטיקירטע **'שבת-קיפער' אפאראט** ספעציעל געאייגנט פאר GE פרידזשידערס און אויוועגס, וואס דאס איז דער איינציגסטער וועג וויאזוי מיר קענען זיין 100% אפגעהיטן פון חילול שבת.

דער דורכברוך איז צושטאנד געקומען דערנאך וואס הרה"ג רבי צבי אורטנער שליט"א אבד"ק לינת הצדק האט זיך אריינגעלייגט אינעם נושא בשליחות הרבנים הגאונים פוסקי דורנו שליט"א, אין נאנטע צוזאמען ארבעט מיט מרנן ורבנן חברי הביד"ץ המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים ובראשם הגה"צ רבי הילל וויינבערגער שליט"א, און די רבנים פון OU ובראשם הגה"צ הרב בעלעסקי זצ"ל.



אין די ראמען פון דעם אויסגאבע וועלן מיר אויסשמועסן בפרטי פרטים, די פראבלעמען פון די היינטיגע פרידזשידערס, די חילוקים צווישן די היינטיגע און די אמאליגע, און די פילצאליגע ערנסטע שאלות פון חילול שבת מיט וואס מיר קענען נכשל ווערן מערערע מאל יעדן שבת אויב מיר זענען נישט אפגעהיטן.



# מה יום מיומים?

**כלל ישראל באניצט זיך שוין מיט פרידזשידערס פאר צענדליגער יארן, גדולי ישראל פון די פריערדיגע דור האבן שוין דורכגעטון דעם נושא, און מ'האט אלע יארן געניצט פרידזשידערס אין שבת, וואס איז עפעס יעצט געשען אז מען מוז זיך באניצן מיט א שבת-קיפער? אכשר דרא? זענען מיר עפעס בעסער פון אונזערע עלטערן? שוין ווידער מיט פרישע חומרות?**

כדי צו קענען פארשטיין מיט א קלארקייט די הארבקייט פון די שאלות און די ערנסטע חששות פון חילול שבת וואס קומט פאר ווען מען ניצט א פרידזשידער אום שבת קודש, איז וויכטיג צו פארשטיין די טעכנישע מציאות וויאזוי א פרידזשידער ארבייט.

ווי אויך איז גאר וויכטיג צו פארשטיין אז די היינטיגע פרידזשידערס זענען במציאות נישט קיין שום פארגלייך צו די אמאליגע. די איינציגסטע צד השוה איז, אז זיי האלטן קאלט עסנווארג און געטראנקען, אבער דער מהלך וויאזוי דאס גייט צו איז כרחוק מזרח ממערב.

די היינטיגע פרידזשידערס זענען סאפיסטיקירטע קאמפיוטערס וואס קילן אפ אונזער עסן, און עס האט פילצאליגע פונקציעס, וואס ווערן קאנטראלירט דורך א פארגעשריטענע קאמפיוטער סיסטעם, וואס צוליב דעם זענען די הלכה'דיגע מציאות פון די היינטיגע פרידזשידערס געווארן גאר קאמפליצירט, און די קולות פון אמאל זענען שוין בכלל נישט שייך.

לאמיר ארייגגיין אין די נושא, און פארשטיין די מציאות הדברים, און די חילוקים צווישן די אמאליגע פרידזשידערס און די היינטיגע.

# וויאזוי ארבייט א פרידז

בַּיָּמִים הַהֵם



## די אמאליגע פרידזשידערס

### קאמפרעסער



אונטערן פרידזשידער איז דא א מאשין וואס רופט זיך א קאמפרעסער, דאס איז א פאמפ וואס פאמפט ארום א סארט גאז וואס רופט זיך פריאָן, דער פאמפ ארבעט מיט אן מאטאר וואס שטיפט אים. ווען דער פאמפ צירקולירט ארום די פריאן, דאן פראדוצירט עס קאלטע לופט, די קאלטע לופט גייט אריין אינעם פרידזשידער און קילט אים אפ.

### טערמאסטאט

אויב דער קאמפרעסער ווערט ארבעטן אן אויפהער, וועט אלעס געפרוירן ווערן אינעם פרידזשידער, דעריבער איז געווען א מעכאנישער טערמאסטאט, וואס האט געארבייט מיט א קליינטשיגן פלעשעלע וואס האט געהאט אין זיך א סארט מערקורי גאז, וואס לויט די קעלט פלעגט זיך עס ריקן ארויף און אראפ, און אזוי האט עס אנצגעצינדן און אויסגעלאשן דעם קאמפרעסער .

ווען דער טערמאסטאט האט געשפירט אז די טעמפעראטור אין די פרידזשידער איז גענוג קאלט, לעשט ער אויס דעם קאמפרעסער , און ווען עס ווארעמט זיך אן, צינדט ער צוריק אן דעם קאמפרעסער.





# זשידער?

בַּזְמַן הַזֶּה



# די היינטיגע פרידזשידערס

## קאמפרעסער



די קאמפרעסער איז די זעלבע געדאנק ווי די אמאליגע, א פאמפ וואס צירקולירט פריאָן, עס איז בלויז מער פארגעשריטן. ווען דער קאמפרעסער פאמפט די פריאן פראדוצירט עס קאלטע לופט, די קאלטע לופט גייט אריין אינעם "פריזער" און קילט אים אפ, און פון די פריזער גייט די קאלטע לופט אריין צום פרידזשידער עס אפצוקילן.

## דעמפער

דער דעמפער איז א טירל צווישן דעם פרידזשידער און די פריזער וואס עפנט זיך אויף מיט אן עלעקטראנישע מאטאר אריינצולאזן די קאלטע לופט פון די פריזער צום פרידזשידער אפצוקילן די פרידזשידער.



## פען

דער פען בלאזט ארום די קאלטע לופט אין די פרידזשידער אז די גאנצע פרידזשידער זאל זיין איינ׳ג אפגעקילט נישט נעבן דעם דעמפער זאל זיין קעלטער ווי ביים אנדערן עק, דער פען צינדט זיך אויך אן יעדע מאל ווען מ׳עפנט דעם טיר פון די פרידזשידער אדער פריזער.





# וויאזוי ארבייט א פרידזשידער?

## דיפראסטער

ווען ווארעמע לופט פון קומט און בארירונג מיט קאלטע לופט אין די פריזער ווערט געשאפן א פארע, און די פארע ווערט פארפרוירן, אויב ווערט עס נישט אויפגעלאזט וועט די אייז ווערן אנגעזאמלט מיט די צייט, ביז עס ווערט גאר א דיקע שיכט.

דעריבער האבן די היינטיגע פריזערס באהאלטן אין די ווענט א דיפראסטער. עס ארבעט פונקט ווי א היטער, עס האט א הייצונג עלעמענט וואס דאס ווערט רויט ווי פייער (אזוי ווי דאס וואס מען זעט אין א טאוסטער אדער היטער). די דיפראסטער צינדט זיך אן יעדע שטיק צייט לויט די באניץ פונעם פריזער. וואס מער מען עפנט עס אויף, אלס מער צינדט זיך עס אן, און דאס צעלאזט כסדר די אייז וואס זאמלט זיך אן, איידער עס ווערט א דיקע שיכט.



## דידזשיטעל טערמאסטאט

דער טערמאסטאט איז א דידזשיטעל קאמפיוטעריזירטע טערמאסטאט, וואס רעקארדירט די טעמפעראטור פונעם פרידזשידער און פריזער יעדן רגע פון טאג, און שיקט דעם מעסעדזש פארן מייקרא-פראסעסאר ווען אנצוצינדן און אויסצולעשן דעם קאמפרעסער , ווען צו עפענען דעם דעמפער, און ווען אים צוצומאכן, אנצינדן די פען וכו'.



## עלעקטריק סערקוויט



דאס איז דער עלעקטריק קעסטל וואו אלע עלעקטראנישע חלקים פון די פרידזשידער זענען איינגעשאלטערט, וואס פון דעם באקומען זיי זייער עלעקטראנישע שטראם, און דאס צינדט אן און לעשט אויס אלע חלקים ווען עס דארף זיך אנצינדן און אויסלעשן, לויטן באפעל וואס עס באקומט פונעם מייקרא-פראסעסער.

## מייקרא-פראסעסער

דאס איז דער קאמפיוטער טשיפ וואס דאס איז דער מח פונעם פרידזשידער, ער באקומט אלע מעסעדזשעס פון אלעס וואס שפילט זיך אפ מיטן פרידזשידער, ווען עס ווערט צו ווארעם אדער צו קאלט, ווען די טיר ווערט גע'עפנט, וכדו'. און ער קאנטראלירט דעם עלעקטריק סערקוויט, אנצוצינדן און אויסצולעשן אלע עלעקטרישע חלקים פונעם פרידזשידער. ווי אויך קאנטראלירט ער די לייטס, די פייפערס, די וואסער און אייז דיספענסערס פונעם פרידזשידער.

בקיצור, דער קליינער קאמפיוטער טשיפ קאנטראלירט דעם גאנצן פרידזשידער.



א קורצע איבערזיכט:

## דבר שאינו מתכוון – פסיק רישא – גרמא...

# וואס טוט זיך דא?



אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר אין קורצן אויסשמועסן די הלכה'דיגע מושגים וואס קומען אויף אין די שאלה פון זיך באניצן מיט א פרידזשידער אדער אויוון אום שבת און יום טוב.

**וויכטיג צו דערמאנען:** די פאלגאנדע שורות זענען נישט קיין פסק הלכה, נאר בלויז א הסבר אויף די הלכה'דיגע מושגים.

## דבר שאינו מתכוון

אין די גמרא ווערט געברענגט א מחלוקת תנאים צווישן רבי יהודה און רבי שמעון אויב א איד טוט א מלאכה בשבת, אבער ער האט נישט אינזינען געהאט דאס צו טון, צו דאס איז מותר אדער אסור.

צום ביישפיל, אויב עס איז מותר צו גיין אויף גראז אום שבת ווען עס איז שטארק מעגליך אז עס וועט זיך אויסרייסן גראז, און מ'וועט עובר זיין אויף מלאכת קוצר, אדער שלעפן א בענקל אויף דער ערד ווען עס קען מאכן א קריץ אין דער ערד, און מ'וועט עובר זיין אויף מלאכת חורש.

די גמרא נעמט אן אז מ'פסק'נט אזוי ווי רבי שמעון אז א דבר שאינו מתכוון איז מותר.

## פסיק רישא

די היתר פון דבר שאינו מתכוון איז אבער נאר געזאגט געווארן ווען עס איז נישט זיכער אז עס וועט ארויסקומען א מלאכה, אבער אין פאל וואס עס איז יא קלאר אז עס וועט זיכער ארויסקומען א מלאכה, נעמט מען אן אז עס האט א דין פון א "פסיק רישא" און עס איז אסור.

פסיק רישא מיינט אפהאקן א קאפ, ד.ה. עס איז נישט שייך אפצוהאקן א קאפ פון א בעל חי און עס זאל בלייבן לעבן. די זעלבע זאך איז אין א פאל וואס עס וועט זיכער ארויסקומען א מלאכה פון די פעולה וואס מען טוט, קען מען נישט זאגן אז דבר שאינו מתכוון איז מותר, ווי צב"ש איך האב נאר געוואלט אפהאקן די קאפ אבער איך האב נישט געוואלט הרג'ענען די בעל חי, ווייל עס איז נישט מעגליך, אדער איך האב נאר געוואלט וואשן די הענט העכער די גראז אבער איך האב נישט געוואלט באוואסערן די גראז.

## פסיק רישא באיסור דאורייתא

אויב די פסיק רישא רעדט זיך פון אן איסור דאורייתא, דאס הייסט אז די תוצאה וואס קומט ארויס פון די פעולה פונעם מענטש איז אן איסור דאורייתא, דעמאלטס איז אסור לכל הדעות צו טוהן די פעולה.

## פסיק רישא באיסור דרבנן

אויב די פסיק רישא רעדט זיך פון אן איסור דרבנן, דאס הייסט אז די תוצאה וואס קומט ארויס פון די פעולה פונעם מענטש איז בלויז אן איסור דרבנן, דעמאלטס האלטן רוב הפוסקים אז עס איז נאכאלס אסור צו טוהן די פעולה, אבער עס זענען אויך פאראן טייל מקילים.

## פסיק רישא דלא ניחא לי'

ווען עס רעדט זיך פון א וודאי פסיק רישא, אבער פארן מענטש איז נישט ניחא אז די פעולה זאל געשען, (אין דעם אליין איז דא א מחלוקת וואס לא ניחא לי' מיינט, צו דאס מיינט אז דער מענטש וויל עס דייקא נישט, אדער ער דארף עס נישט און ער האט נישט קיין שום טובת הנאה דערפון), איז דא א מחלוקת הראשונים צו דאס איז אן איסור דרבנן, צו עס איז מותר. רוב פוסקים פסק'ענען אז עס איז אן איסור דרבנן.

## גרמא

די באדייט פון גרמא איז, אז א מענטש טוט נישט א מלאכה בידים ממש, נאר ער טוט א פעולה וואס איז גורם אז א מלאכה אדער איסור זאל געטון ווערן. רוב פוסקים נעמען אן אז א גרמא איז נישט אסור מן התורה.

אין משנה (שבת פט"ז, מ"ה) ווערט געברענגט די מחלוקות לענין אויסלעשן א פייער אום שבת בדרך גרמא צב"ש דורך ארויסשטעלן כלים אנגעפילט מיט וואסער נעבן א פייער, אז ווען די פייער דערגרייכט די כלים, זאל די וואסער פארלעשן די פייער.

להלכה זענען די פוסקים מחולק צו מ'קען מתיר זיין א גרמא נאר ביי הפסד מרובה אדער צורך גדול, אדער אפילו סתם אזוי. די רמ"א פסק'נט אז דאס איז נאר במקום פסידא, און אזוי נעמען אן רוב פוסקים.

כדי א זאך זאל פאררעכנט ווערן אלס א גרמא נעמט מען אן אז עס מוז זיין צוויי תנאים:

א. אז די פעולה אליין וואס דער מענטש טוט, איז נישט קיין שום איסור, און דער פעולה אליינס וועט נישט צוברענגען פון זיך אליין אז נאך א פעולה זאל געטון ווערן וואס דאס וועט צוברענגען אז די מלאכה זאל געטון ווערן. משא"כ אויפגעשטעלטע דאָמינאָ שטיקלעך וואס א מענטש ווארפט אראפ דעם ערשטן, און דער שטיקל ווארפט אראפ איינער די צווייטע ביז די לעצטע וועט טון א מלאכה, הייסט נישט קיין גרמא, נאר דאס איז כח כוחו פונעם מענטש אליין.

ב. די צווייטע חלק הפעולה וואס איז גורם די מלאכה אדער איסור, קומט פון זיך אליין און האט נישט קיין שייכות מיט די פעולה וואס דער מענטש האט געטון, ווי צב"ש דער מענטש האט פשוט אראפ געלייגט כלים מיט וואסער, און די צווייטע חלק איז געווען אז די פייער איז געקומען צו פארן פון זיך אליין און זיך אויסגעלאשן פון די וואסער וואס דער מענטש האט פון פריער אראפגעלייגט.

## גרמא לאחר זמן

נאך א נקודה וואס קומט ארויס פון די פריערדערמאנטע תנאים איז, אז די איסור דארף פאסירן נאך א שטיק צייט, עס קען נישט פאסירן תיכף נאכן פעולה, אויב פאסירט עס תיכף האט עס נישט קיין דין פון גרמא.

## דרך עשייתן

ווי אויך נעמען אסאך פוסקים אן אז אויב איז דא א מלאכה וואס די דרך עשייתן איז דורך א גרמא, דאס איז די נארמאלע סדר העולם וויאזוי דער מלאכה ווערט געטון אפילו אין די וואכן טעג אויך, דאן הייסט דאס נישט קיין גרמא און עס איז אסור.

# לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ!

## בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת

די מערערע מלאכות וואס מען קען עובר זיין
מיטן זיך באניצן מיט א פרידזשידער אום שבת



## אנצינדן א פייער? אין מיין פרידזשידער? יא!!!



### אמאליגע פרידזשידערס:

ביי די אמאליגע פרידזשידערס איז די שאלה בלויז געווען די לייט וואס צינדט זיך אן ווען מ'עפנט אויף דעם טיר. וואס אויף דעם האט מען געקענט ארויסנעמען דעם באלב, אדער אראפקלעבן דעם קנעפל.

ווי אויך, אויב מען מעג עפענען די טיר פונעם פרידזשידער, ווייל דאס האט געקענט גורם אז דער אמאליגער מעכאנישער טערמאסטאט זאל אנצינדן אדער אויסלעשן דעם קאמפרעסאר. דער מעכאנישער טערמאסטאט האט געארבייט מיט א קליינטשיגן פלעשעלע וואס האט געהאט אין זיך א סארט מערקורי גאז, וואס לויט די קעלט פלעגט זיך עס ריקן ארויף און אראפ, און ווען עס האט זיך גערירט אויף אראפ האט עס באהאפן די צוויי זייטן פון אן עלעקטרישע דראנט, וואס דאס האט אנצגעצינדן און אויסגעלאשן דעם קאמפרעסער.

די אמאליגע דיפראסטערס פלעגן זיך אנצינדן פון זיך אליין אויף א זייגער און האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיטן באניץ פונעם פרידזשידער.

אויף דעם האט מען זיך פארלאזט אויף די דעמאלטסדיגע פוסקים לקולא, אז מען מעג זיך באניצן מיט א פרידזשידער אום שבת ויו"ט.



### היינטיגע פרידזשידערס:

אין די היינטיגע פרידזשידערס זענען פאראן פיל מער, און פיל הארבערע שאלות בנוגע חילול שבת ווי אין די אמאליגע. אין די היתרים פון די אמאליגע פרידזשידערס זענען שוין בפשטות נישט שייך ביי די היינטיגע סאפיסטיקירטע פרידזשידערס.

מיר וועלן דא אויסרעכענען מן החומר אל הקל אלע שאלות אין וואס מיר שטויסן זיך אן ביודעים ובלא יודעים יעדע וואך ווען מיר מאכן אויף און צו דעם פרידזשידער:

**א) די הארבסטע שאלה איז די דיפראסטער**

דער דיפראסטער הייצונג עלעמענט ווערט פאררעכנט ווי א **"גחלת של מתכת"**, עס ווערט הייס פונקט ווי פייער, און לויט רוב פוסקים איז דאס **הבערה דאורייתא!**

עס זענען פאראן צוויי וועגן וויאזוי דער דיפראסטער צינדט זיך אן:

**1. לויט וויפיל צייט די קאמפרעסער ארבייט** (צב"ש נאך יעדע 4 שעה וואס דער קאמפרעסער ארבעט צינדט זיך עס אן). לויט דעם וועג, יעדע מאל מען עפנט די פרידזשידער אדער פריזער טיר, ווארעמט זיך אן די לופט אינעווייניג וואס ברענגט צו אז דער קאמפרעסער זאל ארבייטן מער, און ווען עס דערגרייכט די גע'פראגראמ'טע צייט, וועט זיך דער דיפראסטער אנצינדן.

**2. לויט וויפיל מאל מ'עפנט אויף דעם טיר** (צב"ש ביי יעדע 10'טע מאל). לויט דעם וועט אויסקומען אז יעדע מאל מ'עפנט דעם טיר, שיקט מען א מעסעדזש צום קאמפיוטער אז די טיר האט זיך גע'עפנט, און די צענטע מאל, צינדט מען אן דעם דיפראסטער בפועל ממש, וואס דאס איז מלאכת הבערה דאורייתא.

קודם כל, מען קען זיך נישט פארלאזן אויף דבר שאינו מתכוון, ווייל עס איז א ספק פסיק רישא, עס איז קלאר אז די דעפראסטער וועט זיך אנצינדן ביי איינע פון די מאל וואס מ'וועט עפענען די פרידזשידער, און יעדע מאל מען עפנט עס, איז א ספק פסיק רישא אז מ'צינדט אן א גחלת של מתכת וואס דאס איז הבערה דאורייתא, און ביי א איסור דאורייתא האלטן רוב פוסקים אז מען דארף נזהר זיין פון ספק פסיק רישא אויך.

ווי אויך איז שווער צו זאגן אז עס איז א פסיק רישא דלא ניחא לי', ווייל יעדער מענטש וויל דאך אז זיי פרידזשידער זאל ארבייטן די וועג וויאזוי עס איז געבויט צו ארבעטן, און זאל נישט אנזאמלען אייז, און אויב וועט די דעפראסטער זיך נישט אנצינדן וועט ער דאס זיכער וועלן פאררעכטן, ממילא איז דאס יא ניחא לי'.

אויף גרמא איז אויך שווער זיך צו פארלאזן. קודם כל, ווייל די פעולה וואס ער טוט מיטן עפענען דעם טיר איז אליין גורם אז די דיפראסטער זאל זיך אנצינדן, און ביי איינע פון די מאל וואס ער עפנט די טיר, וועט זיך עס אנצינדן אויפן פלאץ נישט לאחר זמן. ווי אויך אפילו מיר וועלן אננעמען אז עס איז יא א גרמא, איז עס אבער די דרך עשייתו, ווייל דאס איז די וועג וויאזוי עס צינדט זיך אייביג אן, און ביי דרך עשייתו האלטן רוב פוסקים אז עס איז נישט קיין גרמא.

ס'קען זיין אז מ'קען טרעפן מקילים וואס וואלטן אפשר געקענט טרעפן געוויסע שווערע קולות מקיל צו זיין. **אבער ווען עס רעדט זיך פון שאלות פון הבערה דאורייתא, ווער וויל זיך דען לכתחילה פארלאזן אויף אזעלכע קולות יעדן איינציגן שבת ויו"ט?**



# מה נשתנה פרידזשידער

## פון עיר קאנדישאן און הייצונג?

פארוואס איז א פרידזשידער אזויפיל הארבער ווי א צימער וואו עס ארבעט עיר קאנדישאן אדער הייצונג אויף א טערמאסטאט, וואס דאס צינדט זיך אויך אן און לעשט זיך אויס לויט די טעמפראטור אינעם צימער, ממילא ארייננגיין און ארויסגיין קען אויך גורם זיין אנצינדן און אויסלעשן?

אין די פוסקים ווערט געברענגט מערערע חילוקים, מיר וועלן דא אויסרעכענען עטליכע:

א) ווען מען גייט אריין אין א צימער טוט מען נישט קיין שום פעולה אין די עיר קאנדישאן אדער הייצונג מאשין, נאר עס איז א טיר וואס האט נישט קיין שום שייכות צום מאשין. משא"כ א פרידזשידער וואס די טיר איז א חלק פון די אפעראט.

ב) ביי אן עיר קאנדישאן אדער הייצונג פירט מען זיך כדרך כל האדם ארייננצוגיין און ארויסצוגיין פון א צימער. משא"כ ביי א פרידזשידער וואס דער טיר איז פאבריצירט געווארן לכתחילה צו אפעקטירן דעם טערמאסטאט, דעם קאמפרעסאר, די דעמפער, די פען, און די דיפראסטער.

ג) ביי הייצונג נעמט מען אן אז הכל חולים אצל הצינה והקור, משא"כ ביי פרידזשידער איז דאס נישט נוגע.

## די דעמפער און די פען

די דעמפער טירל עפנט זיך אויף אטאמאטיש ווען די פרידזשידער ווערט צוווארעם. דער טירל איז פונקט אזוי ווי די אטאמאטישע טירן פון א געשעפט וואס עפנט זיך אויף ווען מ'גייט אריבער. און דאס ווערט דירעקט אפעקטירט דורך עפענען די טיר פונעם פרידזשידער אדער פריזער.

די פען צינדט זיך אן יעדע מאל וואס די דעמפער עפנט זיך, כדי אויסצושפרייטן די קאלטע לופט אינעם גאנצן פרידזשידער איינער, ווי אויך צינדט זיך די פען אן אסאך מאל תיכף ווען מ'עפנט אויף דעם טיר פונעם פרידזשידער אדער פריזער. הגם עס איז א דבר שאינו מתכוון, איז עס אבער נאכאלס פסיק רישא.

## דידזשיטעל טערמאסטאט

יעדעס מאל מען עפנט אויף די פרידזשידער אדער פריזער טוישט זיך די טעמפעראטור, און די קאמפיוטעריזירטע טערמאסטאטס האלטן שיקט תיכף א מעסעדזש צום מייקרא-פראסער איבער טעם טויש אין טעמפעראטור. ביי טייל פרידזשידערס שרייבט זיך אויף די טעמפעראטור אויף א סקרין, אמאל איז די סקרין אינעם פרידזשידער, און אמאל איז עס באהאלטן פון אונטן.

דא איז אויך די פעולה וואס דער מענטש טוט מיטן עפענען דעם טיר, א דירעקטער רעזולטאט אינעם טויש פון די נומערן אויפן טערמאסטאט.

## די מייקרא-פראסעסער

די מייקרא-פראסעסאר זאמלט א גאנצן צייט אינפארמאציע פונעם באנוץ פונעם פרידזשידער, און שיקט ווייטער די מעסעדזשעס צו די עלעקטראניק סערקוויט, אנצוצינדן און אויסצולעשן אלע חלקים פונעם פרידזשידער.

יעדעס מאל מען מאכט אויף און מען מאכט צו דעם פרידזשידער אדער פריזער איז מען גורם צו שיקן מעסעדזשעס צום מייקרא-פראסעסער, און אז דער מייקרא-פראסעסער זאל ווייטער שיקן מעסעדזשעס צום עלעקטראניק סערקוויט.

די מעסעדזש וואס ווערט געשיקט איז פונקט אזוי ווי די מעסעדזשעס אדער קאלס פון א טעלעפאן.

עס זענען אפשר דא מקילים וואס קענען מאכן א חילוק צווישן א פסיק רישא וואס איז ניכר, דאס הייסט אז עס פאסירט א פיזישע פעולה, און א פסיק רישא וואס איז נישט ניכר ד.ה. אז עס איז נאר אן עלעקטראנישע מעסעדזש און נישט קיין פיזישע פעולה, אבער דאך איז עס אויך גאר א שווערע קולא זיך צו פארלאזן דערויף לכתחלה.

## לעקטערס און פייפערס

אין צוגאב צו די אלע פריערדערמאנטע שאלות, איז דא די געוועינליכע לעקטער אינעם פרידזשידער, וואס אין רוב היינטיגע פרידזשידערס קען מען נישט ארויסדרייען קיין באלב אדער אראפקלעבן א קנעפל. ווי אויך האבן די היינטיגע פרידזשידערס פייפערס וואס קלינגען ווען דער טיר בלייבט אפן צו לאנג, און ווען דאס נעמט זיך פייפן טאר מען שוין נישט צומאכן דעם טיר.

## אייז-מאכער

די מאשין וואס מאכט די אייז קיובס אין פריזער ארבייט אויך מיט א סענסער, אויב נעמט מען ארויס אייז, ווען די שיסל איז פול, איז מען גורם אז די מאשין זאל פארבריצירן נאך אייז.

אפילו מיר וועלן אננעמען ווי די מקילים אז עס איז יא גרמא, און עס איז יא א דבר שאינו מתכוון, זענען נאך אלס אלע די היתרים נאר שייך ווען מען פארלאזט זיך אויף קולות. **כלל ישראל המדקדקים בקלות כבחמורות, ווילן זיך נישט פארלאזן אויף קיין קולות ווען עס גרעניצט זיך מיט חילול שבת.**

# וויאזוי קען מען מקיים זיין דעם

# וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת?



אֵת אֲשֶׁר תֹּאפוּ אֵפוּ וְאֵת אֲשֶׁר תְּבַשְּׁלוּ בַּשֵּׁלוּ

# ווי‏אזוי ארבייט אן אויוון?

## בַּיָּמִים הָהֵם

### הענטלעך

די אמאליגע אויוועגס, האבן גע'ארבעט מיט א פשוט'ער הענטל, וואס מען האט געדרייט צום טעמפעראטור וואס מען האט געוואלט דעם אויוון.

### מעכאנישער טערמאסטאט

איינמאל דער אויוון איז געווען אנגעצינדן, איז די היץ קאנטראלירט געווארן דורך א מעכאנישער טערמאסטאט. ווען דער אויוון האט זיך אפגעקילט, האט זיך דער פייער אנגעצינדן, און ווען עס האט דערגרייכט די טעמפעראטור וואס מען האט אנגעשטעלט האט זיך דער פייער אויסגעלאשן.



## בזמן הזה

### עלעקטראנישע קנעפעלעך און סקרינס, און לייט.

אלע קאנטראלס ווערן אנגעשטעלט מיט עלעקטרישע קנעפלעך, און אלעס ווייזט זיך אן אויף אן דידזשיטעל סקרין. ווי אויך איז פארהאן א לייט אין די אויוועגס וואס צינט זיך אן ווען מען עפנט דעם אויוון.



### מייקרא-פראסעסאר

די סענסארס און טערמאסטאט שיקן דעם מעסעדזש פארן קאמפיוטער פונעם אויוון, און דער קאמפיוטער קאנטראלירט דעם פייער, און צינדט אים אן ווען די אויוון קילט זיך אפ, און לעשט אים אויס ווען עס דערגרייכט די ריכטיגע טעמפעראטור.



### דידזשיטעל טערמאסטאט און סענסארס

איינמאל מען האט אנגעשטעלט דעם אויוון אויף וועלכע גראד היץ מען וויל עס האבן, זענען פארהאן מערערע עלעקטראנישע סענסארס און טערמאסטאט וואס קאנטראלירן די היץ, און יעדע מאל מען עפנט דעם טיר פונעם אויוון, נישט קיין חילוק אויב די פייער איז געווען אנגעצינדן אדער אויסגעלאשן, האט מען שוין אקטיוויזירט עלעקטראנישע סענסארס און טערמאסטאט.



### Energy efficiency & safety features

רוב אויוועגס האבן היינט צוטאגס energy efficiency & safety features, ווי צב"ש אז יעדעס מאל מען עפנט דעם טיר פונעם אויוון, צווישן 90-2 סעקונדעס שפעטער לעשט זיך אויס די פייער כדי צו שפארן געז, און ווען מען מאכט עס צוריק צו, ביז עטליכע סעקונדעס צינדט זיך צוריק אן די פייער.



שַׁבָּת לֹא תֵעָשֶׂה בּוֹ מְלָאכָה

# די מכשולות ביים זיך באניצן מיט אן אויוון אום שבת



אנדערש ווי דער פרידזשידער, האבן אידן אייביג געוואוסט אז דעם אויוון טאר מען נישט ניצן שבת, ווייל דאס איז דא קען מען דאך נכשל ווערן מיט הבערה דאורייתא, ווייל ווען מען עפנט דעם טיר פונעם אוויוען, און ס'גייט אריין קאלטע לופט, וועט זיך די פייער אנצינדן, און דאס איז דאך א דאורייתא.

ביי די עלטערע אויונס זענען געווען געוויסע וואס האבן זיך פארלאזט אז מען האט געווארט ביז די פייער צינט זיך אן, און דאן גע'עפנט דעם טיר פונעם אויוען.

**ביי די נייע אויוענס איז אבער געווארן מערערע פראבלעמען:**

די פייער וואס צינדט זיך אן ווען מען עפנט אויף דעם טיר און די אויוען ווערט אפגעקילט.

און אפילו מען וועטווארטן אז די פייער זאל שוין זיין אנגעצינדן איז דא:

די לעקטער וואס צינדט זיך אן ווען מען עפנט דעם טיר.

און אפילו מען וועט ארויסנעמען דעם באלב, אדער אנצינדן דעם לעקטער פון פאר שבת, איז נאך אלס דא די פראבלעמען פון:

די סענסארס און לעקטערישע טערמאסטאט וואס ווערן אקטיוויזירט יעדע מאל מען עפנט דעם טיר וואס דאס מעסט די טעמפעראטור אינעם אויוען, און שיקט כסדר מעסעדזשעס צום מייקרא-פראסעסאר.

און איבער אלעם איז דער גרעסטער פראבלעם די:

ענערדזשי עפישענסי סיסטעם, וואס לעשט אויס דעם פייער ווען מען עפנט דעם טיר כדי צו שפּאָרן געז, וואס דאס אן איסור דאורייתא פון כיבוי, און הבערה ווען מען מאכט עס צוריק צו.

הגם מען וואלט אפשר געקענט טרעפן היתרים אנצוצינדן א פייער אום יו"ט פאר צורך אוכל נפש דורך א גרמא, אדער א ספק פסיק רישא, איז אבער נישטא קיין שום היתר אנצוצינדן אדער אויסצולעשן א פייער דירעקט דורך עפענען אדער צומאכן דעם טיר פונעם אויוען.




## שבת מאוד:

## ווען די רפואה איז נאך א גרעסערע מכה

# מיין פרידזשידער קומט דאך מיט אן אריינגעבויטע שבת מאוד, וואס איז דער פראבלעם?

קודם כל, דארף מען פארשטיין אז פונקט אזוי ווי מען קען זיך נישט פארלאזן אויף די כשרות פון מאכלים ווען די גוי'אישע פירמע וואס מאכט דאס האט אליין מעיד געווען אז ס'איז כשר, נאר עס דארף האבן א פארלעסליכע הכשר, פונקט אזוי איז די "שבת מאוד" ווען עס האנדלט זיך פון ענינים פון חילול שבת, קען מען זיך נישט פארלאזן אז די גוי'איש פאבריק האט מעיד געווען אז ס'איז אפגעהיטן פון חילול שבת, נאר עס דארף זיין אויסגעארבעט מיט רבנים ובעלי מכשירים צו פארזיכערן אז עס איז טאקע אויסגעהאלטן.

צווייטנס, ביי די 'שבת מאוד' וואס קומט אריינגעבויט אין די אפלייענסעס, קען מען נאכאלס נכשל ווערן מיט ערנסטע שאלות פון חילול שבת.

פאלגאנד זענען די פונקציעס וואס פעלט פון די אריינגעבויטע שבת מאוד:

- עס קאנטראלירט נישט דעם קאמפרעסאר, דעמפער, און פען, עס צינדט זיך נאך אלס אן דורך א טערמאסטאט וואס מעסט די טעמפראטור, און דאס ווערט נאכאלס אפעקטירט מיט דעם וואס מען עפנט אויף די טיר פונעם פרידזשידער, עס ווערט בלויז אפגעשטיפט מיט 20 סעקונדעס, אז עס זאל זיך נישט אנצינדן תיכף נאר 20 סעקונדעס שפעטער (גאר א שוואכע קולא).
- די מייקרא-פראסעסארס, סענסארס, און טיר-סוויטש ווערן נישט אום-אקטיוו, זיי שיקן נאכאלס מעסעדזשעס פון די אקטיוויטעט פונעם פרידזשידער צום קאמפיוטער.
- עס צינדט זיך נישט אן אטאמאטיש, מ'דארף יעדע וואך געדענקען דאס אנצוצינדן
- עס איז קאמפליצירט דאס אנצוצינדן, געווענליך דארף מען דריקן עטליכע קנעפלעך צוזאמען, און פיל מענטשן מוטשענען זיך גאר שטארק דאס אקטיוויזירן
- די לעקטער אינעם פרידזשידער ווערט געווענליך פארלאשן




# שבת מאוד:

## ווען די רפואה איז נאך א גרעסערע מכה

## מיין אויוון קומט דאך מיט אן אריינגעבויטע שבת מאוד, וואס איז דער פראבלעם?

מיט עטליכע יארן צוריק, האבן די פאבריצירער פון אפלייענסעס אנגעהויבן אריינצובויען אין מערערע אויווענס א "שבת מאוד", דער שבת מאוד האט אבער אנגעברענגט נאך א פיל גרעסערער פראבלעם.

בשעת ווען מענטשן האבן זיך אנגעהויבן צו פארלאזן דערויף, און צו ניצן דעם אויווען אום שבת, האט דער אריינגעבויעטער שבת מאוד בכלל נישט געלעזט די גרעסטע פראבלעמען פונעם אויווען.

דער שבת מאוד נעמט נישט איבער דעם טערמאסטאט און די קאנטראל פונעם פייער, עס העלפט נישט אז דער פייער זאל זיך נישט אנצינדן ווען די אויווען ווערט אפגעקילט דורכן עפענען דעם טיר, און עס טוט אויך נישט דע-אקטיוויזירן דעם ענערדזשי עפישענסי סיסטעם וואס לעשט אויס דעם פייער ווען מען עפנט דעם טיר און צינדט עס צוריק אן ווען מען מאכט עס צוריק צו.

דאס הייסט, אז די עיקר דאורייתא'דיגע שאלות פון הבערה און כיבוי זענען בכלל נישט אדרעסירט געווארן מיטן אריינגעבויטן שבת מאוד.

דער שבת מאוד האט בלויז געלעזט א קליינע חלק פון די פראבלעמען, ווי צב"ש דעם סקרין, די עלעקטראנישע קנעפלעך וואס ווערן דע-אקטיוויזירט, און צומאל אויך דעם לייט פונעם אויווען. ביי פילע שבת מאוד'ס איז די לייט אויך נישט דע-אקטיוויזירט.

די שבת מאוד, האט אפשר א תועלת פאר יו"ט ווען צורך אוכל נפש איז מותר. אדער אויב מען האט אנגעשטעלט דעם אויווען צו ארבעטן אויף Timed bake, אז עס זאל זיך אויסלעשן נאך עטליכע שעה, און הערשט דערנאך וואס דער אויווען איז געגצליך אויסגעלאשן קען מען זיך באניצן מיטן שבת מאוד, ווייל די קנעפלעך, לעקטערס, אדער פייפערס וכדו' זענען אויסגעלאשן.

און דאס איז אלעס אין צוגאב צו דעם וואס מען מוז געדענקען יעדן ערב שבת אדער יו"ט דאס אנצוצינדן, און פיל מאל פארגעסט מען. ווי אויך איז עס קאמפליצירט אנצוצינדן, מען דארף קוועטשן מערערע קנעפלעך אויף אמאל או"וו.

## קען מען זיך באניצן מיט אן אויווען לכבוד שבת קודש אָן עובר זיין אויף חילול שבת?

## א דורכברוך!

# דער שבת קיפער




## ערפינדן געווארן דורך ”זמן טעכנעלאגיעס“

אין צוזאמענהאנג מיטן אפלייענס ריד

**”GE אפלייענסעס“**

בהדרכת הרה“ג רבי **צבי ארטנער** שליט“א

אבד“ק קהל לינת הצדק ויו“ר המכון לטעכנעלאגיע בהלכה

מיטן באגלייטונג פון גדולי הפוסקים שליט“א

ובראשם רבני התאחדות הרבנים און די OU



רבני מערכות הכשרות של התאחדות הרבנים ואו יו עם הרב צבי אורטנר שליט"א דוסקוסירן דעם "שבת קיפער"



די שבת קיפער איז א קליינעם אפעראט וואס מען קען קויפן אין די אפלייענס געשעפטן וואס מען קען איינשטעקן אין א ספעציעלן פלאץ אויפן פרידזשידער אדער אויוון, וואס דאס אקטיוויזירט, וואס דאס איז איינגעשטעלט געווארן אטאמאטיש ארייננצולייגן דעם פרידזשידער אדער אויוון אין אן Enhanced Shabbos Mode - א פארבעסערטע שבת מאוד, וואס דאס טוט אויסלעשן אלע פונקציעס פונעם עפלייענס וואס האט שייכות מיט די פעולות פונעם מענטש, און אנשטאט דעם שטעלט עס איין אלע פונקציעס צו לויפן פון זיך אליין אויף א זייגער, אפגעזען פון וויאזוי דער מענטש באניצט זיך מיטן פרידזשידער אדער אויוון.

אסטראנאמישע סכומים איז אינוועסטירט געווארן, און לאנגע יארן פון אינטענסיווע הארעוואניע פון די ערפינדערס אין די "זמן טעכנעלאגיעס" פירמע אינאיינעם מיט די אינדזשינירן פון GE, צו קענען ערצייגן דעם אפאראט, און פארזיכערן אז עס זאל ארבייטן ווי געפלאנט, און עס זאל טאקע פארמיידן אלע ספיקות און שאלות פון חילול שבת כדי עס זאל זיין אויסגעהאלטן לכתחלה לויט אלע שיטות און פוסקים. עס האט געדארפט אריבער גיין לאנגע חדשים פון טעסטן צו פארזיכערן אז עס ארבייט גוט, און עס פונקציאנירט ווי עס דארף צו זיין סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

# פונקציעס פונעם שבת קיפּער אפּעראַט:

## בײם פרידזשידער

- עס צינדט זיך אן אטאמאטיש יעדן ערב שבת ויו"ט 90 מינוט פארן שקיעה (צו דעקן פאר די וואס מאכן פרי שבת) און לעשט זיך אויס אטאמאטיש יעדן מוצשב"ק און מוציו"ט 90 מינוט נאכן שקיעה.
- עס האט שוין אריין פראגראמירט א לוח הזמנים פון אלע שבתים וימים טובים ביז יאר תת"י לפ"ק
- די לעקטער אינעם פרידזשידער בלייבט אנגעצינדן גאנץ שבת מיט אביסל א שוואכערע לעכטיקייט
- אלע סקרינס און קנעלפלעך, און עלעקטראנישע טערמאסטאט ווערן אומ-אקטיוו
- דער דיפראסטער, קאמפרעסאר, דעמפער, און פען אפערירן געווענליך אטאמאטיש
- אלע מייקרא-פראסעסערס און סענסארס ווערן אומ-אקטיוו, און שיקן נישט קיין שום מעסעדזשעס
- דער טיר-סוויטש ווערט גענצליך אומ-אקטיוו
- די וואסער און אייז דעספענסערס ווערן אומ-אקטיוו
- דער גאנצער פרידזשידער ווערט קאנטראלירט בלויז דורך די קאמפיוטער פונעם שבת-קיפער
- עס האט א באטערי בעקאפ פאר 72 שעה אין פאל פון א בלעקאוט
- עס ארבייט מיט כמעט 200 מאדעלס פון GE פרידזשידערס.




## בײם אויוון

- יעדן ערב שבת 4 שעה פארן שקיעה, ווען דער שבת קיפער אייך פרעגן אויב איר ווילט עס אנשטעלן פאר א פריע שבת (Early Shabbos) אדער א געהעריגע שבת.
- נאכן אויסוועלן ווען איר ווילט מקבל שבת זיין, וועט איר ווייטער קענען ניצן דעם אויוון געהעריג.
- ווען שבת קומט אריין, לויט אייער אויסוואל, וועט דער אויוון אריינגיין אין א 100% פולשטענדיגן שבת מאוד
- אויב מאכט איר נישט קיין אויסוואל, וועט זיך דער שבת קיפער אטאמאטיש אקטיוויזירן ביים זמן כניסת השבת. (איר קענט דאס אויך טוישן ביי די סעטינגס)
- אלע פונקציעס וואס האבן שייכות מיט די פעולות פונעם מענטש, ווערן גענצליך אומ-אקטיוו
- די אויוון שטעלט זיך אטאמאטיש אן אויף Warm Mode, דאס איז בערך 200 דעגרי, און עס וועט זיך האלטן אויף דעם טעמפעראטור גאנץ שבת. עפענען דעם טיר אדער צומאכן וועט נישט האבן קיין שום ווירקונג אויף קיין שום פעולה פון די אויוון
- ערב יו"ט, און אזוי אויך יו"ט צופרי, ווען מען מעג קאכן, וועט דער אויוון קודם אריינגיין פאר 4 שעה און Bake Mode און עס וועט זיך אטאמאטיש אנשטעלן אויף 350 דעגרי, אז מען זאל קענען קאכן לכבוד יו"ט, נאך 4 שעה וועט עס צוריק גיין אויף Warm Mode צו בערך 200 דעגרי.
- אויב ווילט איר נישט דעם Bake mode פאר יו"ט קענט איר דאס אויסלעשן פון פאראויס
- עס קומט אריינגעבויט מיט א לוח הזמנים פאר 30 יאר, כדי עס זאל זיך קענען פון זיך אליין אנצינדן און אויסלעשן לויט די דעמאלטסטיגע זמן הדה"נ.
- דער שבת קיפער וועט אייך ערמעגליכן צו קענען רואיגערהייט ארויסנעמען עסן פון אויוון דורכאויס דעם גאנצן שבת, ווי אויך אום יו"ט אריינלייגן עסן אינעם אויוון, און זיך דארפן פארלאזן אויף קיין שום היתרים אדער קולות.

# שומריו וזוכריו המה מעידים

...ובוודאי שעם בני ישראל החרדים לדבר ד׳ יהדרו לקנות רק אלו המכשירים שיש להם ההכשר על ידי חיבור המכשיר הנקרא **"שבת קיפער"...**

מערכת הכשרות
שע״י התאחדות הרבנים דארה״ב וקנדא
נוסד תשט״ו

CRC KASHRUS
A division of The Central Rabbinical Congress
Since 1955

ב״ה

## מודעה לאחב״י
## עם מקדשי שביעי

אנשי בשורה אנחנו היום, אחרי שברוב סייעתא דשמיא זה כמה שנים כולן שוין לטובה, זכינו לעבוד שכם אחד עם הפירמ״ע המפורסמת **GE APPLIANCES**, לסדר השגחה ולעשות תיקונים למנוע מכשולות בהשתמשות הפרידזשדער״ס למיניהם, והצליחו לסדר על ידי המפעל **'זמן טעכנעלאגיע'** תקנות גדולות וחשיבות בשמירת שבת כהלכתה, תהלה לא-ל יתברך ממשיכים הלאה ביצירת תנורים, וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה, לסדר פתיחת הדלת בשבת והשתמשות בזה ביום טוב בלי שום חששות כלל וכלל, וכל מלאכת היצירה לכל פרטיה נעשה לפי הוראות הרבנים הגה״צ שליט״א בהכשר ויתרון.

ובוודאי שעם בני ישראל החרדים לדבר ד׳ יהדרו לקנות רק אלו המכשירים שיש להם ההכשר על ידי חיבור המכשיר הנקרא ׳שבת קיפע״ר׳, אשר בהשתמשות עמהם לפי ההוראות המצורפת לה ינצלו מכל מכשול וחשש, ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר.

ויהא רעוא מן קדם אבוהון דבשמיא, שבזכות שמירת שבת קודש כהלכתה יהיו נגאלין במהרה דידן ברוב רחמיו וחסדיו, ונזכה במהרה ליום שכולו שבת ומנוחה.

הבעה״ח חודש שבט תשפ״ב לפ״ק
**מערכת הכשרות שע״י התאחדות הרבנים**

הרב חנני׳ יו״ט ליפא סג״ל קליין, יו״ר

85 Division Ave. Brooklyn, NY 11249 ▪ t: 718.384.6765 ▪ f: 718.374.6510 ▪ info@crckashrus.org

בס"ד ג' אדר א' תשפ"ב לפ"ק
February 4, 2022

Contemporary major appliances are advanced high-tech gadgets with multiple se[r]
computers on board. The simple act of opening and closing a refrigerator or oven
trigger a variety of changes to the appliance operation. Previous Shabbos mode
have resolved only some of the concerns related to their use on Shabbos and Yom

The Orthodox Union (OU) and Hisachdus HaRabbonim (CRC), two renow[ned]
agencies, are pleased to announce, a historic alliance to improve the halachic
home appliance use on Shabbos and Yom Tov, with the joint certification of the
*Keeper.*

GE APPLIANCES

Developed by GE Appliances and Zman Technologies under Rabbi Ortner's supervision, *Shabbos Keeper* technology provides ultimate convenience for the Shabbos observer and are without halachic compromise:

- Shabbos and Yom Tov schedule automatically sets appliances and prompt users
- Door opening and closing are completely disengaged from appliance operations
- Refrigerator light illuminates for the duration of Shabbos and Yom Tov
- Option to open oven door multiple times during Shabbos
- Warm and bake modes for Yom Tov use

Shabbos Keeper modules are compatible with all new GE refrigerators and a growing number of GE ovens. Some GE ovens come with enhanced Shabbos mode pre-installed.

OU KOSHER HISACHDUS HARABBONIM

ולמזהיר
ולנזהר שלומים
תן כמי נהר

# בריוון פון רבנים, דיינים, פוסקים, און בתי דינים


יחזקאל ראטה
אבדק"ק קארלסבורג
RABBI Y. ROTH
1556-53rd STREET
BROOKLYN, N. Y. 11219
TEL:(718) 435-1502


בית דין צדק
BETH DIN TZEDEK
OF THE ORTHODOX JEWISH COMMUNITY
JERUSALEM

קריאת קודש


בית דין צדק
דקהל יטב לב
ד'סאטמאר
Beth Din (Court) of
Cong. Yetev Lev
D'Satmar


קריאת קודש למען קדושת השבת


Orthodox Union


Rabbi Michel Steinmetz


כולל טאראנטא
KOLLEL TORONTO


Rabbi Yitzchak Stein

יצחק שטיין


HILLEL WEINBERGER

הלל וויינבערגער




# אידן מדקדקים בקלה כבחמורה

מאכן זיכער זיך איינצוקויפן דעם שבת-קיפער און מאכן זיכער ווען מען קויפט א פרידזשידער אדער אויוון אז עס ארבעט מיטן שבת קיפער!



- מיר ווילן זיך נישט פארלאזן אויף קיין קולות
- מיר ווילן זיך נישט פארלאזן אויף קיין היתרים
- מיר ווילן זיך נישט ארייגלייגן אין קיין שאלות
- מיר ווילן ח"ו נישט נכשל ווערן אין קיין חילול שבת



## מיר ווילן זיין אן עם מקדשי שביעי!

כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה וכו׳,
חוץ מהוצאות שבת ויו״ט וכו׳, ואם מוסיף מוסיפין לו. (ביצה טז.)



# ערליכע אידן לאזן זיך קאסטן
# לכבוד שבת ויום טוב

- פאר געשמאקע מאכלים ומשקאות
- פאר הערליכע ד׳ מינים
- פאר א שיינע סוכה און נוי סוכה
- פאר די מהודר׳דיגסטע מצות
- פאר מלכות׳דיגע בגדי שבת ויו״ט
- ועוד ועוד ועוד...

## וועלן מיר דיך נישט לאזן קאסטן פאר שמירת שבת?

# אודאי יא!

## ווייל הוצאות שבת ויו״ט קומט צוריק!

דער שבת קיפער איז דא צו באקומען אין אלע היימישע עפלייענס געשעפטן
אדער קענט איר עס באשטעלן אויף zmantechnologies.com

# בילדער דערציילן

## הרב אורטנער שליט"א ביי זיין צוזאמארבעט מיט די טעכניקער און מומחים פון דעם עפלייענס ריז ביים ערצייגן דעם "שבת קיפער"




הרב אורטנער אין די הויפטקוואטירן פון די GE אפלייענס פירמע מיט פירמעס CEO מר קעווין נוילען



ביים אנאלאזירן פארשידענע 'דעמפערס'



ביים אנאלאזירן די אינערליכע סיסטעמען פון עפלייענסעס






הרב אורטנער שליט"א אין דעם פאבריק ביים איבערקוקען די אפלייענסעס צו פארזיכערן אז אלעס ארבעט ווי עס דארף צו זיין



הרב אורטנער מיט די GE ענדשעניירן ביים באטראכטן די דאטא





הגה"צ רבי הלל וויינבערגער שליט"א רב המכשיר של "התאחדות הרבנים" און הרב ר' ליפא קליין שליט"א יו"ר מערכת הכשרות אינאיינעם מיט הרה"ג רבי צבי אורטנער שליט"א אבד"ק לינת הצדק אין די הויפטקווארטירן פון GE Appliances ביים בודק זיין די פונקציעס פונעם שבת קיפער




## כל שומר שבת כדת מחללו

# 100% שמירת שבת

## בלויז מיטן שבת-קיפער

### 100% שמירת שבת

די שבת-קיפער לעזט אלע שאלות פון חילול שבת אויף א לכתחילה׳דיגן אופן, סיי מיט די לייט, קאמפרעסער, קילינג סיסטעם, דיפראסטער, סענסארס, און קאמפיוטערס וכו׳.

### גענצליך אטאמאטיש

די שבת-קיפער צינדט זיך אן אטאמאטיש יעדן ערב שבת ויו״ט און לעשט זיך אויס אטאמאטיש מוצאי שבת ויו״ט, מיט א לוח הזמנים אריינגעבויט גע׳פראגראמ׳ט מיט אלע זמנים ביז יאר תת״י לפ״ק.

### בדוק ומנוסה

די שבת-קיפער האט די השגחה און המלצה פון די גרעסטע פוסקי דורינו פון אלע שיכטן און קרייזן אין אמעריקא, און GE אפלייענס פירמע האט זיך ארויסגעשטעלט אלס א געטרייע שותף פארן יהדות החרדית צו העלפן צושטעלן אן אפאראט כשר וישר להמדרין מן המהדרין.

**די איינציגסטע 100 פראצענטיגע לעזונג פאר GE פרידזשידערס און אויוונס.**

פאר הילף צו אינסטאלירן דעם שבת קיפער, אדער פאר סיי וואס פאר א טעקניקל סופארט קענט איר זיך פארבינדן מיט ״זמן טעק״

**Email:** support@zmantechnologies.com

**Phone:** 855-381-0977 **Whatsapp:** 347-433-6078

POWERED BY: ZMAN TECH NOLOGIES

ENDORSED BY:

OREGRAPH